# פּרשת בשלח 5757

## דיִאַלאָג צווישן דעם שרײַבער (אליגרשון גאָלדין, eligershon@aol.com ) און דעם רשימה-אָנפֿירער (שלום בערגער, bergez01@popmail.med.nyu.edu)

[רב אליגרשון האָט נישט געוווּסט אַז זײַנע ווערטער וועלן אַרײַנגעשלעפּט ווערן אין אַ דיִאַלאָג מיט מײַנע. ס׳האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז אַזוי פֿיל שאלות זײַנען מיר אײַנגעפֿאַלן אַז כ׳האָב זיי אַזש נישט געקענט צוריקהאַלטן. איז אָט האָט איר זײַנע און מײַנע געדאַנקען.]

אין דער הײַנטיקער סדרה גייט די רייד וועגן דעם אַרויסגאַנג פֿון מצרים נאָך די עשׂר מכּות. עס איז בײַ מיר אַ ווונדערלעכע זאַך, וואָס די מענטשן וואָס שטודירן די היסטאָריע פֿון יענער צײַט האָבן ניט געפֿונען קיין דערמאָנונג אָדער שרײַבאַכץ פֿון די מיצרים אָדער פֿון די אַנדערע פֿעלקער אין געגנט וועגן די אויסערגעוויינטלעכע פּאַסירונגען.

[ש״ב: אפֿשר וואָלט איינער אַ לייענער אַ בקי אין היסטאָרישע חומש-קרטיטיק אונדז געקענט אויפֿקלערן דעם ענין: וואָס פֿאַראַ היסטאָרישע פֿאַרצייכענישן זײַנען דאָ אַקעגן די עשׂר מכּות? פֿון דער אַנדערער זײַט: צי מעגן מיר אין דעם פּרט בכּלל דערוואַרטן, אַז דעמאָלטיקע מיצרישע ״היסטאָריקער״—מסתּמא אָנגעשטעלטע פֿון פּרעהס הויף—זאָלן זיך האָבן פֿאַרגונען צו באַשרײַבן אַזעלכע מפּלות פֿאַרן פֿאָלק און הערשער? אַ משל: וויפֿל אָפֿיציעלע היסטאָרקער פֿון איראַק האָבן זיך דערלויבט פֿאַרשרײַבן די פֿאַרגאַנגענע גאָלף-מלחמה?]

דערפֿאַר פֿרעגן די סקעפּטיקער אַ פֿראַגע: צי זײַנען די באַשריבענע זאַכן טאָקע באמת געטראָפֿן, צי זײַנען זיי אַן אויסגעטראַכטע געשיכטע? אפֿילו בן-גוריון האָט געטראַכט (געדענק איך) אַז עס איז ניט געווען 600,000 מענער וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים, נאָר גיכער 600 משפּחות.

[ש״ב: ס׳איז אָבער נישט קיין אָדער-אָדער. לויט מאָדערנע טעאָריעס פֿון לייענען קען אַ טעקסט גאָר אָפּטמאָל געפֿינען זיך אין מיטן דערינען: צווישן ״ממש אַ מעשׂה שהיה״ און ״שלעסער פֿון הימל״ איז דאָך אַ לאַנגער מהלך, מיט אַ סך פּירושים און העכער צוויי טויזנט יאָר קאָמענטאַרן וואָס פּרוּוון אים אויסברוקירן. וואָס שייך בן-גוריון: ס׳קען זײַן אַז ווען ער זאָל געווען מיינען, אַז 600,000 מענטשן זײַנען טאָקע באמת אַרויס פֿון מצרים, וואָלט ער זיך נישט דערוועגט אויסצובויען אַ נײַע מדינה מיט העכער אַכט מאָל אַזוי פֿיל מענטשן!]

מיט העכער 40 יאָר צוריק איז דערשינען אַ בוך ["ages in chaos," doubleday, 1952] פֿונעם געלערנטן איממאַנועל וועליקאָווסקי. אין דעם בוך שטעלט ער פֿאָר אַז ער האָט אָנגעטראָפֿן אויף אַ פּאַפּירוס (אַ מין פּאַרמעט) פֿון מצרים (מיטן נאָמען ״פּאַפּירוס איפּוּווער״) וואָס געפֿינט זיך אין מוזיי פֿון לײַדען [נידערלאַנדן]. אין דעם פּאַפּירוס דערציילט דער שרײַבער אין היִעראָגליפֿיק וועגן געפֿערלעכע געשעענישן וואָס זײַנען כּמעט אַזוי ווי די חומש-געשיכטע. וועליקאָווסקי האַלט אַז דאָס איז אַ באַשרײַבונג פֿון די עשׂר מכּות, און דערפֿון שאַפֿט ער אַ גאַנץ אַנדערן פֿאַרשטאַנד פֿון דער דאָזיקער תּקופֿה. ער פֿאָדערט אַז די שרעקלעכע פּאַסירונגען זײַנען טאָקע געווען ווי געשריבן אין חומש. און ער ווייסט און פֿאַרלייגט אַ נאַטירלעכע באַזיס פֿאַר די דאָזיקע זאַכן. זײַנע געדאַנקען האָבן מערסטנס נישט אויסגענומען בײַ וויסנשאַפֿטלער, נאָר דאָס בוך האָט בײַ מיר געעפֿנט אַ פֿענצטער וואָס מאַכט רעאַליסטיש און פֿאַרשטענדלעך די פּאַסירונגען אין מצרים.

[וועליקאָווסקי איז באַוווּסט מערסטנס צוליב זײַן עקצענטרישער ״פּאַנספּערמיע״-טעאָריע, וואָס האַלט אַז דאָס ערדישע לעבן שטאַמט פֿון זוימען אַראָפּגעפֿאַלענע פֿון קאָסמאָס.]

נאָך אַ פּאָר געדאַנקען: אַז די ייִדן וואָס האָבן דורכגעלעבט די ניסים (ד״ה די עשׂר מכּות און די גלײַכצײַטיקע געשעענישן) זײַנען נישט געווען איבערצײַגט אין ״דער האַנט פֿון גאָט״ און האָבן דערקוטשעט און באַקלאָגט זיך אויף משהן, טאָ ווי אַזוי קענען מיר, מער ווי 3500 יאָר שפּעטער, האָבן אַזאַ שטאַרקע אמונה אין דעם וואָס גאָט האָט אויפֿגעטאָן?

די ווונדער איז וואָס מיר האַלטן ביז הײַנט די איקערדיקע פֿאָרשטעלונגען פֿון משהן, אונזער גרעסטער פֿירער און נבֿיא, און מיר פּרובירן צו גיין אינעם וועג וואָס ער האָט אונדז געוויזן.